# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

קרית יואל - בני ברק

# פניני השבוע

## פרשת תולדות

**כיתה ב' (א-ב)**

הר"ר מאיר חיים שישא הי"ו
הר"ר משה ברוך כץ הי"ו

ערש"ק פרשת תולדות תשע"א

# לכבוד די חשוב'ע עלטערן שיחיו

שלום וברכה וכט"ס !

מיר ווילן בעז"ה אנהייבן צו מאכן יעדע פאר וואכן **אַ פארמעסט** פון פארשידענע גוטע זאכן און מידות טובות וכדו' פאר די תועלת פון די קינדער.

מיר בעטן פון די חשוב'ע עלטערן זאלן שטיין צום הילף פון די קינדער און ארויס ווייזן פאר די קינדער די חשובקייט פון יעדע מידה טובה.

**מיר וועלן אי"ה אנפאנגען מיט די פארמעסט פון "כיבוד אב ואם" וואס מיר לערנען יעצט מיט די קינדער אין די מסגרת פון "כולל ענינים".**

מיר שיקן מיט א פארמעסט-צעטל וואו די עלטערן זאלן יעדן טאג אויפשרייבן גוטע זאכן וואס מ'האט געפאלגט די עלטערן אדער זאכן וואס איז שווער אנגעקומען פאר'ן יונגל צו טוהן און מיט דעם אלעם האט ער געפאלגט.

ס'איז כדאי וועגן די ערנסטקייט פון די פארמעסט אויפצושרייבן אויפן צעטל בשיתוף און אנטקעגן די קינדער.

מיר בעטן זייער אז מען זאל יעדע וואך זונטיג צוריק שיקן די פארמעסט אין חדר, און מיר וועלן אי"ה עס אויפליינען פאר די גאנצע כיתה, כדאי זיי צו מעודד זיין אויף ווייטער.

**אַ יישר כח**

**הנהלת הת"ת**

# אינהאלט פון די וואך

**תפילת יצחק ורבקה**

יצחק מיט רבקה האבן נישט געהאט קיין קינדער, פארוואס האבן זיי נישט געהאט קיין קינדער, ווייל דער אייבישטער וויל אוןווארט אז מ'זאל דאווענען צו אים, און דער אייבישטער האט אויסגעהערט די תפילה פון יצחק און נישט די תפילה פון רבקה, ווייל יצחק איז געווען א צדיק א זוהן פון א צדיק, אבער רבקה איז געווען א צדיקת א טאכטער פון א רשע.

ווען יצחק איז אלט געווען זעכציג יאר איז געבוירן געווארן א צווילינג, די ערשטע איז געבוירן געווארן עשו א רויטער און פול מיט האר, און נאכדעם איז געבוירן געווארן יעקב און זיין האנט האט אנגעכאפט די פוס פון עשו, ווייל ער האט געוואלט זיין דער בכור, און דער אייבישטער האט גערופן זיין נאמען יעקב, און עשו האט מען גערופן "עשו" צוליב די סאך האר וואס ער האט געהאט.

**ויגדלו הנערים**

עשו מיט יעקב זענען געווארן גרויס און זענען שוין אלט געווען 13 יאר, עשו איז געגאנגען אין שלעכטע וועגן ער האט געפאנגען חיות אין וואלד, א גאנצע טאג האט ער זיך געדרייט אין די גאסן און ער האט געפייניגט די חיות, און יעקב איז געזיצן א גאנצן טאג און געלערנט די הייליגע תורה ביי די ישיבה פון שם און עבר.

יצחק האט ליב געהאט זיין זוהן עשו ווייל ער פלעגט אים ברענגען עסן, און ווייל ער פלעגט זיך מאכן אזוי ווי א תלמיד חכם און ערליכער מענטש א מדקדק במצוות, צום ביישפיל ער פלעגט פרעגן פאר יצחק ווי אזוי מעשר'ט מען זאלץ און שטרוי. און רבקה האט ליב געהאט יעקב, ווייל ער איז געזיצן א גאנצן טאג און געלערנט די הייליגע תורה.

**פטירת אברהם ומכירת הבכורה**

עשו איז צוריק פון פעלד זייער מיד און ער האט געזעהן ווי אזוי יעקב קאכט א געקעכטס פון רויטע לינזן, ווייל אין יענעם טאג איז אברהם אבינו נפטר געווארן כדי ער זאל נישט זעהן ווי אזוי זיין אייניקל גייט ארויס אויף שלעכטע וועגן, און וועגן דעם האט יעקב געקאכט לינזן וואס איז רינדעכיג ווייל א אבל עסט רינדעכיגע זאכן צו ווייזן אז די טויט איז אזוי ווי א (גלגל) וואס דרייט זיך ארויף און אראפ.

עשו האט געבעטן פון יעקב אז ער זאל אים געבן צו עסן ווייל ער איז הונגעריג, און יעקב האט געבעטן אז אנשטאט דעם זאל ער אים פארקויפן די בכורה, עשו האט מסכים געווען און ער האט זיך אראפ געלייגט אויפן בעט און יעקב האט ארייגעגאסן אין זיין מויל די עסן אזוי ווי א קעמל, און עשו האט געגעסן און ער האט זיך נישט געוואשן די הענט, און האט נישט געמאכט א ברכה, און ער איז אויפגעשטאנען און האט נישט געבענטש, ער איז ארויס פון דארט און נישט געקישט די מזוזה, און עשו האט פארשעמט די בכורה.

**יעקב באקומט די ברכות**

יצחק אבינו איז געווען אלט 123 יאר, און זיינע אויגן איז פארטונקלט געווארן און האט נישט געקענט זעהן, ווייל בשעת ווען אברהם אבינו האט ארויפגעלייגט יצחק אויף די מזבח ביי די עקידה, האבן די מלאכים שטארק געוויינט, און זייערע טרערן איז אריין אין יצחק'ס אויגן, און פון דעם איז ער אין די עלטערע יארן געווארן בלינד.

יצחק האט גערופן זיין זוהן עשו און האט אים געבעטן ער זאל אים ברענגען פיינע עסן און נאכדעם וועט ער אים בענטשן, רבקה האט עס געהערט און זי האט געבעטן פאר יעקב אז ער זאל גיין אנשטאט עשו נעמען די ברכות, ווייל זי האט געזעהן מיט רוח הקודש אז ער דארף באקומען די ברכות.

רבקה האט אנגעגרייט פאר יעקב ער זאל קענען טראגן פאר יצחק
2 ציגעלעך איינס פאר קרבן פסח און די צווייטע פאר קרבן חגיגה, און רבקה האט אים אנגעטוהן די קליידער פון עשו און יעקב איז אריין צו זיין טאטע און האט גערעדט צו אים מיט כבוד און דרך ארץ, האט יצחק געזאגט "הקול קול יעקב והידים ידי עשו", און יצחק האט אים געבענטשט די ברכה פון "ויתן לך אלקים".

נאכדעם איז עשו אנגעקומען און איז אריינגעגאנגען מיט גרויס חוצפה און דעמאלטס איז ער געוואויר געווארן אז יעקב האט פון אים אוועק געכאפט די ברכות, און האט אויסגעבראכן מיט א יאמערליכן געוויין און 2 שנירלעך טרערן האבן געפלאסן פון זיינע אויגן, יצחק האט געבענטשט עשו, און עשו האט

באשלאסן צו נקמה נעמען אין יעקב נאך ווען זיין טאטע יצחק וועט נפטר ווערן.

רבקה האט געוואוסט פון די גאנצע מעשה און זי האט געהייסן פאר יעקב אז ער זאל אנטלויפן צו לבן, און ער זאל זוכן א גוטע שידוך פאר אים. יעקב האט זיך באהאלטן ביי די ישיבה פון שם ועבר 14 יאר, און ער איז נישט געשלאפן אין קיין בעט במשך פון די אלע יארן, נאר ער האט געלערנט די הייליגע תורה אן קיין אויפהער.

# שאלות מיט תשובות

**וועלכע סדרה איז די וואך?**

תולדות.

**אויף וואס האבן יצחק מיט רבקה געדאווענט ?**

אז זיי ווילן האבן קינדער.

**ווי אזוי האבן זיי געדאווענט ?**

יצחק האט געדאווענט ביי איין ווינקל און רבקה ביי א אנדערע ווינקל.

**צו וועמענס תפילות האט דער אייבישטער צוגעהערט?**

צו די תפילות פון יצחק.

**פארוואס נאר צו יצחק ?**

ווייל ער איז א צדיק בן צדיק און רבקה איז א צדיקת בת רשע.

**וואס האבן זיי געבוירן?**

זיי האבן געבוירן א צווילינג, יעקב מיט עשו.

**ווי אזוי האט אויסגעזען עשו ?**

רויט מיט אסאך האר.

**ווי איז יעקב געגאנגען ווען ער איז געווארן גרויס ?**

און שוהל לערנען די הייליגע תורה.

**וואו איז עשו געגאנגען ווען ער איז געווארן גרויס ?**

פאנגן חיות אין וואלד.

**ווענמען האט יצחק ליב געהאט ?**

יצחק האט ליב געהאט עשו.

**פארוואס האט יצחק ליב געהאט עשו ?**

ווייל ער האט זיך געמאכט פאר צדיק.

**וועמען האט רבקה ליב געהאט ?**

רבקה האט ליב געהאט יעקב.

**פארוואס האט רבקה ליב געהאט יעקב ?**

ווייל ער האט געלערנט די הייליגע תורה א גאנצן טאג.

**וואס האט עשו געבעטן פון יעקב ?**

רויטע לינזען וואס ער האט געקאכט.

**און וואס האט יעקב צוריק געבעטן פון עשו אנשטאט דעם ?**

די בכורה.

**פארוואס האט יצחק אבינו נישט געזעהן ?**

ווייל ביי די עקידה האבן די מלאכים געוויינט און זייערע טרערן האט אראפ געטראפט אין יצחק'ס אויגן.

**וועמען האט יצחק געשיקט ברענגן עסן און אים געזאגט אז ער וועט אים נאכדעם בענטשן ?**

עשו.

**וואס האט רבקה געטוהן ווען יצחק האט געבעטן פאר עשו צו עסן ?**

זי האט צוגעגרייט עסן און אריין געשיקט יעקב מיט די עסן אנגעטוהן מיט א האריגע קלייד.

**פארוואס האט זי אים אנגעטוהן מיט א האריגע קלייד ?**

ווייל אויב יצחק וועט אים אנכאפן די האנט זאל ער שפירן אז ס'איז האריג אזוי ווי עשו'ס האנט.

**וואס האט יצחק געזאגט ווען ער האט אנגעכאפט יעקב ?**

אז די האנט איז אזוי ווי עשו'ס האנט, און די קול איז אזוי ווי יעקב'ס קול, ווייל ער האט גערעדט מיט דרך ארץ.

**וועמען האט יצחק געבענטשט ?**

יעקב.

**וואס וויל עשו מאכן פאר זיין ברודער יעקב ?**

ער ווייל אים הרג'ענען.

**וואס האט יעקב געטוהן ?**

ער איז אוועק געלאפן קיין חרן.

**ווער איז אים נאכגעלאפן ?**

אליפז.

**וואס האט אליפז אים געטוהן ווען ער האט אים געכאפט ?**

יעקב האט אים אוועק געגעבן זיין גאנצע פארמעגן.

# - כולל עניינים -

## פרק ב' - כיבוד אב ואם

א) איינס פון די חשוב'סטע, טייערסטע און וויכטיגסטע מצוות וואס יעדער איד איז פארפליכטעט, מחויב צו טאן, איז מכבד צו זיין עלטערן, אזוי ווי השי"ת האט אונז אנגעזאגט אויפן בארג סיני ביי מתן תורה: כבד את אביך ואת אמך.

ב) מיר אלע זענען געשטאנען ביים בארג סיני ווען השי"ת האט אונז געגעבן די תורה, מיר אלע האבן געזאגט נעשה ונשמע, מיר אלע וועלן מקיים זיין, איינהאלטן און זיך צוהערן צו אלעם וואס השי"ת וועט אונז הייסן. אין דעם איז אריינגערעכנט אויך די חשוב'ע מצוה פון כבוד אב ואם.

ג) מכבד צו זיין עלטערן הייסט אלעס אנווענדן, נישט ח"ו גורם צו זיין, פאראורזאכן א צער און עגמת נפש פאר זיי, און אלעמאל נאר זיי מחי' צו זיין, מיט וואס מען קען נאר, למשל: גלייך פאלגן, נאר איינמאל זאלן די עלטערן דארפן באפעלן און גלייך זאל דאס ערפילט ווערן פונקטליך, און אודאי נישט טאן וואס עס איז קעגן זייער ווילן.

ד) דער רצון פון די עלטערן מוז געטאן ווערן נישט בלויז ווען זיי זאגן קלאר אז זיי פארלאנגען א באשטימטע זאך, נאר אפילו ווען זיי זאגן נישט אבער דאס קינד ווייס און פארשטייט אז זייער רצון איז אז דאס זאל געטאן ווערן, אדער זאל נישט געטאן ווערן, מוז מען זיך פירן פינקטליך און געענוי ווי זייער רצון איז.

ה) יעדעס קינד פארשטייט אז מען דארף מכבד צו זיין טאטע מאמע און טאן זייער רצון, און מען טוט דאס גערן ווען זיי פארלאנגען א זאך וואס איז נישט קעגן אייגענעם ווילן. פארלאנגען זיי אבער א זאך וואס איז

קעגן אייגענעם ווילן, אדער אפילו א לייכטע זאך נאר אין א מאמענט ווען מען איז מיד אדער פויל, דארף מען דאס אויך געדענקען, און אפילו דאס קומט שווער אן, זאל מען אויך ערפילן זייער פארלאנג, און טאקע בשלימות און מיט שמחה, און זיכער נישט זיך אנטקעגן שטעלן, אדער פרובירן צו ברענגען די עלטערן דערצו אז זיי זאלן פארציכטן אויף זייער פארלאנג. אויב מען טוט דאס יא הייסט דאס עובר געווען אויף דער מצוה פון כבוד אב ואם.

ו) ווען מען שטארקט זיך אבער יא צו טאן די מצוה אפילו דאס קומט שווער אן, און מען טוט דאס טאקע מיט חשק מיט שמחה בשלימות, איז דאס נאך חשוב'ער, ווייל "לפום צערא אגרא".

ז) ווען א קינד קומט צו די עלטערן מיט א געוויסן פארלאנג און זעט אז זיי ווילן נישט, אדער קענען נישט נאכקומען. דאן איז די מצוה פון כבוד אב ואם מחייב גלייך צו פארציכטן אויפן פארלאנג. אויב מען וויל נישט פארציכטן אויפגעבן, נאכלאזן דעם פארלאנג, און מען טרעט נישט אפ ביז די עלטערן זענען געווען געצווינגען נאכצוגעבן, האט מען עובר געווען אויף די מצוה פון כבוד אב ואם, כאטש זיי האבן געזאגט אז זיי זענען מסכים, ווייל דאס איז נישט געקומען פון גוטן ווילן, און אין הארצן האבן די עלטערן צער פון דעם.

ח) כיבוד אב ואם איז מען מקיים נישט נאר דורך טאן דעם ווילן פון די עלטערן און באדינען זיי, נאר אויך דורך יעדע מעשה און פירונג וואס ברענגט די עלטערן כבוד. ווען א קינד פירט זיך ארנטליך, גייט אין אידישן וועג איז מקיים מצוות און דאס באנעמונג איז מיט דרך ארץ, איז מען מקיים דורך דעם די מצוה פון כבוד אב ואם, וויל אזא פירונג ברענגט כבוד פאר די עלטערן, ווייל מענטשן זאגן: וואויל איז צו די עלטערן וואס

האבן אזא קינד, געבענטשט זאלן זיין די טאטע- מאמע וואס האבן אזוי פיין ערצויגן זייער קינד.

# שאלות אויף כולל ענינים

**א. וואס מיינט כבד את אביך ואת אמך ?**

מ'דארף מכבד זיין א טאטע מיט א מאמע.

**ב. וואס איז אויב די טאטע מאמע הייסן אים טוהן א שווערע זאך וואס ער וויל נישט טוהן ?**

מ'דארף עס טוהן נאך מער פרייליכער, ווייל די מצוה איז דעמאלטס אסאך גרעסער.

**ג. ווי אזוי קען מען מכבד זיין א טאטע און א מאמע אפילו זיי האבן אים גארנישט געהייסן ?**

אז מ'פירט זיך פון זיך אליין אויף גוט, און די טאטע מאמע פרייען זיך.

## יבואו טהורים ויתעסקו בטהורים

**די וואך האבן מיר אנגעהויבן אין א גוטע שעה**

# צו לערנען מיט די קינדער חומש ויקרא

**מיר האבן געמאכט זייער א שיינע מסיבה פאר די קינדער**
**מאנטאג פארמיטאג - אין "עטרת זקנים"**
**עס האבן זיך משתתף געווען די מלמדים און מנהלי הת"ת שיחיו**

עס האט אויפגעטרויטן מיט זייער א שיינע דרשה פאר די קינדער דער מנה"ר הרב ר' יקותיאל יצחק בראך שליט"א וואו ער האט ארויסגעברענגט לויט זייער פארשטאנד וואס איז דער באדייט פון די שמחה פון אנהייבן צו לערנען תורה, אז די גאנצע וועלט שטייט אין זכות פון תורה און בפרט פון די קליינע קינדער תינוקות של בית רבן, און אז די קינדער דארפן אכטונג געבן אז דאס לערנען זאל זיין בקדושה ובטהרה, און אכטונג געבן אויף די אויגן און די מויל אז עס זאל זיין ריין ווייל נאר אזוי קען מען מצליח זיין און פארשטיין דאס לערנען.

**דערנאך האבן די קינדער געזינגען שיינע ניגונים לכבוד המאורע**
**אין לויף פון די וואך האבן מיר אויפגעליינט פאר די קינדער די ווארימע ברכות ההורים**
**וואס זייערע עלטערן האבן געשריבן לכבוד די גרויסע שמחה**

**און די קינדער האבן זייער הנאה געהאט דערפון**

יה"ר די קינדער זאלן קענען לערנען און פארשטיין און שטייגן בתורה ויראת שמים

# נא לגזור דף זה ולשלוח בחזרה לת"ת ביום ראשון

## הורים יקרים !

[illegible]

[illegible]

**בני ____________________ ני"ו**

**השיב על שאלות פרשת השבוע:** ___________________________

**שאלות על כולל העניינים:** ______________________________

**ברכת המזון:** ________________________________________

**התנהגות כללית:** _____________________________________

**קר"ש שעל המיטה:** ___________________________________

**התפלל:** ____________________________________________

**ענה אמן ויהש"ר בקול רם:** ______________________________

**הערות:** ____________________________________________

**חתימת ההורים** _____________________

מיר בעטן די עלטערן וואס האבן נאכנישט געשיקט קיין 120 ₪
פאר די הוצאות פון די ווינטער זמן זאלן שיקן

אזוי אויך בעטן מיר אז מ'זאל זעהן אז אויף זונטאג זאלן שוין די קינדער האבן
א חומש בראשית מיר זאלן שוין קענען אי"ה זונטאג אנהייבן צו לערנען פרשת ויצא